Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

Mezaḥ, Yehoshuʻa

Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

.ג

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

שיפפעל איז צו בראכען געווארען, האב איך זיך איבער גיגעבין אין גאטטעס הענד, דער שטורעם איז געווען זייער גרויס, די וועלען האבען מיך געווארפען היןו אונ הער, פון איין וועל צו די אנדערע, ביז זייא האבען מיך ארויס געווארפען צום ברעג ים, האב איך איהם געפרעגט: זאג מיר מיין קינד וואס פאר אמונה האסט דוא געטאהן וואס דוא ביסט גירעטעט געווארען פון טויט — האט ער מיר געענטפערט; אז איך בין געקומען אין שיפפעל האב איך געטראפען דארטען איין ארעמאן, ער האט בייא מיר גיבעטען ברויט, האב איך איהם אבגעגעבען מיינע שפייז וואס איך האב מיט גענומען אויף מיין רייזע, האט דער ארעמאן געזאגט צו מיר; אט אזוי וויא דוא האסט מיך גירעטעט פון טויט, אזוי זאלסט דוא גירעטעט ווערען אין איין אונגליק פון טויט.

נור ניט אלע מאל פלעגט רבי מאיר אין איין אונגליק זיך פארלאזען אויף איין נס, וואו ער האט געקאנט, האט ער זיך גירעטעט דורך זיין חכמה, וויא מיר וועלען ווייטער ערציילען:

## ג.

רבי מאיר איז אמאל געגאנגען אויף דעם וועג ער איז גערייטען אויף איין עזעל, ער איז געקומען בייא אקרעטשמע וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון אגרויסען געדיכטען וואלד, די זון איז אונטער געגאנגען עס איז געווארען פינסטער בעת רבי מאיר איז געקומען בייא דער קרעטשמע, איז ער דארטען אין קרעטשמע געבליבען געכטיגען, דאס ערשטע ער זאל זיך קענען אויסרוהען פון זיין וועג, אונ דאס צווייטע ווייל אין יענער צייט פלעגט מען מורא האבען צוא גיין אליין בייא נאכט אויף דעם וועג צו ליב גזלנים אונ חיות רעות.

אין יענע קרעטשמע, וואו רבי מאיר איז געבליבען (ר"מ בעל הנס)

געקטינגען, האט געוואהנט אגזלן, ארויבער, אמערדער, ווער פון דיא ביינענדע פלעגט קומען דארט געבעטינגען, פלעגט דער קרעטשמער מייטען דעם אורח אויף דעם אופן, ער פלעגט דעם ביינענדען אין מיטען נאכט אויף וועקען פון זיין שלאף אונ ער פלעגט צו איהם אזוי זאגען: געגוג דיר שלאפען, שטייא אויף דוא האסט נאך אווייטע וועג צו גיין ביז דיין ארט וואו דוא ברויכסט דארטען צו קומען, איך וועל דיר טאהן דיא טובה ווייזען דיא וועג וואו דוא זאלסט גיין אונ ניט בלאנדזען.

דער ביינענדער פלעגט אויפשטיין אונ דער קרעטשמער האט איהם בעגלייט, ער פלעגט איהם אוועק פיהרען טיף אין וואלד אריין, דארטען זיינען געווען אגאנצע חברה גזלנים, דער קרעטשמער האט דעם אונגליקליכען ביינענדען איבער גינעבען צו די גזלנים אין זייערע הענד אונ יענע פלעגען איהם הארגענען אונ צו נעהמען אלעס וואס ער האט געהאט אונ דער קרעטשמער האט דער פון בעקומען אגעוויסע טהייל.

אלאנגע צייט האט דער קרעטשמער אזוי געטאהן מיט אלע ביינענדער וואס פלעגען קומען צוא איהם אין קרעטשמע געקטינגען.

צוא דעם פיינעם קרעטשמער איז אויך רבי מאיר געקומען געקטינגען, ער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט.

## ד.

רבי מאיר איז געוועזן פארמאטערט פון זיין לאנגע רייזע. ער האט געשמאק איין געשלאפען, איהם האט זיך געחלום'ט דאס דער קרעטשמער פיהרט אים אין וואלד אריין, דארטען זיינען איהם בעפאלען עטליכע מערדער, דער קרעטשמער האט אנגעפאנגען צו לויפען פון וואלד אונ איהם האט ער דארטען איבער געלאזען, דיא מערדער זיינען איהם בעפאלען אונ האבען